בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון
ק"י

פרשת נשא
שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת אֱמוֹר שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

פַארְן שִׁיעוּר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: **"אוֹי, אוֹי אוֹי מְלַמְּדִים, אוֹי אוֹי מְחַנְּכִים, וואוּיל אִיז אוּנְזֶער חֵלֶק בָּזֶה וּבַבָּא", "אוֹי אוֹי אוֹי מְחַנְּכוֹת, אוֹי אוֹי טִיטְשֶׁערְס, וואוּיל אִיז אוּנְזֶער חֵלֶק בָּזֶה וּבַבָּא".**

### פַארְוָואס טַאנְצְט מֶען נִישְׁט סְפִירָה?

דֶער שִׁיעוּר גֶעבּ אִיךְ בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, אוּן אִיךְ ווִיל מֶען זָאל עֶס גֶעבְּן צוּ הֶערְן פַאר דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן בֵּית פֵּיגָא, פַאר אַלֶע לֶערֶערִינְס, סַיי דִי וָואס לֶערְנֶען אִידִישׁ אוּן סַיי דִי וָואס לֶערְנֶען לִמּוּדֵי חוֹל, אוֹיךְ פַאר דִי לֶערֶערִינְס וָואס זֶענֶען עוֹסֵק מִיט דִי קִינְדֶער בַּיי מִיטָאג אוּן אוֹיפְ'ן בָּאס, אוֹיךְ פַאר דִי סֶעקְרֶעטֶערִיס וָואס זִיצְן אִין דִי אָפִיס, אוּן פַאר אַלֶע וָואס הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיט דִי קִינְדֶער.

בְּרוּכוֹת הַבָּאוֹת פַאר אַלֶע מְחַנְּכוֹת פוּן אוּנְזֶער הֶערְלִיכֶע שׁוּלֶע בֵּית פֵּיגָא. מִיר זֶענֶען אַרַיין אִין דִי זוּמֶער וָואכְן, אוּן מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי סְפִירָה טֶעג, ווִיל אִיךְ בֶּעטְן מֶען זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער 'גוּטֶע מִידוֹת'.

עֶס אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אִין בֵּית פֵּיגָא אַז נָאכְן לֶערְנֶען אִידִישׁ, פַאר מֶען גֵייט אַרָאפּ עֶסְן מִיטָאג, צִינְדְט מֶען אָן גְרוֹיסֶע סְפִּיקֶערְס אוּן מֶען טַאנְצְט מִיט דִי קִינְדֶער; דַארְף מֶען ווִיסְן אַז יֶעצְט אִין דִי סְפִירָה טֶעג טַאנְצְט מֶען נִישְׁט, אֲפִילוּ נִישְׁט וָואקַאלִישׁ (אָן מוּזִיק). אוּן זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"פַארְוָואס טַאנְצְט מֶען נִישְׁט? וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ רִיזִיגֶע חֵלֶק פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְּן אִין דִי סְפִירָה טֶעג, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט".**

### זָאגְן מוּסָר אָן פַארְשֶׁעמֶען

דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן גוּטֶע מִידוֹת. וֶוען מֶען זֶעט אִין כִּתָּה אַ מַעֲשֶׂה צְווִישְׁן צְוֵויי קִינְדֶער וָואס טְשֶׁעפֶּען זִיךְ, אִיז דָא אַמָאל וָואס מֶען מוּז רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אָפְן אַז דָאס וָואס הָאט פַּאסִירְט - טָאר מֶען נִישְׁט טוּן, אָבֶּער דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ זָאגְן מוּסָר אִיז אָן פַארְשֶׁעמֶען, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט פָארִיגֶע וָואךְ (פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים) אִין פָּסוּק (וַיִּקְרָא יט, יז): **"הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ"** מוּסָר דַיין חַבֶר, **"וְלֹא תִשָּׂא עָלָיו חֵטְא"**, אָבֶּער פַארְשֶׁעם אִים נִישְׁט.

וֶוען אַ קְלוּגֶע לֶערֶערִין זֶעט אַ מַעֲשֶׂה, לְמָשָׁל, אַ מֵיידְל הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן בַּיי מִיטָאג צוּ אַן אַנְדֶערֶע מֵיידְל: **"פֶּעךְ, רוּק זִיךְ אַוֶועק פוּן דָא"**, וֶועט דִי לֶערֶערִין מָארְגְן דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער אַן אוֹיפְגֶעמַאכְטֶע מַעֲשֶׂה אוּן אַזוֹי אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַז מֶען טָאר קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועק שְׁטוּפְן, זִי קֶען דֶערְצֵיילְן: **"וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד, אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעדוּלְד צוּ אַ חַבֶרְ'טֶע, אָבֶּער זִי הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף יֶענֶעם, זִי הָאט אִיר נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט אוּן אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִיר גֶעהָאלְפְן, זִי הָאט בַּאקוּמֶען אַ הֶערְלִיכֶע שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער".**

וֶוען מֶען גְרֵייט זִיךְ אָן מַעֲשִׂיוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן, אָדֶער מֶען מַאכְט אוֹיף מַעֲשִׂיוֹת, דַארְף מֶען בְּעִיקָר דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשִׂיוֹת אוֹיף דִי פַּאזֶעטִיוֶוע זַייט, ווִי שֵׁיין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט צוּרִיק אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף שֵׁיין אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן, וַוייל נֶעגֶעטִיוֶוע וֶוערְטֶער קֶען זִיךְ אַסַאךְ

## אַ מַעֲשֶׂה פוּן גוּטֶע מִדּוֹת

מָאל אַרַיינְזֶעצְן אִין דִי קִינְדֶערְ'ס קֶעפּ, אוּן עֶס וֶועט זֵיי שְׁטֶערְן פוּן וֶועלְן גֵיין וַוייטֶער אִין לֶעבְּן, וַוייל דִי קִינְדֶער וֶועלְן שְׁטִילֶערְהֵייט טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ אַז זֵיי גֵייעֶן שׁוֹין סַיי ווִי הָאבְּן עוֹנְשִׁים. מֶען דַארְף רֶעדְן פוּן דִי 'עוֹנְשִׁים' וָואס מֶען בַּאקוּמְט וֶוען מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ צְוֵוייטְן, מֶען דַארְף אָבֶּער מֶער רֶעדְן פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן הָאבְּן שֵׁיינֶע מִדּוֹת.

### אַ מַעֲשֶׂה מִיט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי תַּנְחוּמָא

אִיךְ וֶועל עֶנְק יֶעצְט דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה, עֶטְץ זָאלְטְס דָאס קֶענֶען אִיבֶּער דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער, עֶטְץ קֶענְטְס מַאכְן פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַ גַאנְצֶע עֵסֶק. אוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ עֶנְק בְּלִי נֶדֶר דֶערְצֵיילְן בַּיי דִי קוּמֶענְדִיגֶע שִׁיעוּרִים נָאךְ שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, וָואס עֶטְץ זָאלְטְס אִיבֶּער דֶערְצֵיילְן פַארְן דִי קִינְדֶער; בָּרוּךְ הַשֵּׁם, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ לֶערְנֶען מֶדְרָשׁ אוּן גְמָרָא, וָואס אִיז פִיל מִיט שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ הָאבְּן גוּטֶע מִדּוֹת.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (וַיִּקְרָא רַבָּה לד, יד): אִין דִי צַייטְן פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי תַּנְחוּמָא, [עֶר הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען 'מֶדְרָשׁ רֶבִּי תַּנְחוּמָא'], אִיז גֶעוֶוען אַ צַייט וָואס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ.

דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער וָואס גֶעשֶׁעט וֶוען עֶס רֶעגְנְט נִישְׁט, אַז עֶס קֶען נִישְׁט וַואקְסְן; דָא בַּיי אוּנְז וֶוען עֶס רֶעגְנְט נִישְׁט - פְרֵיידְט מֶען זִיךְ, וַוייל אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ שְׁפִּילְן אִינְדְרוֹיסְן אִין גַאס, אָבֶּער אַמָאל וֶוען יֶעדֶער הָאט גֶעהַאט אַ קוּ אוּן גֶעמָאלְקְן מִילְךְ, אוֹיבּ הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט, אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין גְרָאז פַאר דִי בְּהֵמוֹת,

עס איז נישט געווען קיין מילך און עס האט גארנישט געוואקסן, מען האט געקענט שטארבן.

האט דער הייליגער רבי תנחומא צוזאמגערופן די גאנצע שטאט און אויסגערופן: **"טייערע אידן, מען מוז טון חסד, מען מוז געבן צדקה, נאר אזוי וועט דער אייבערשטער העלפן עס זאל קומען רעגן".**

איז געווען א איד וואס האט געהאט אסאך געלט, האט ער צוזאמגענומען די גאנצע געלט פון זיין שטוב, ער איז ארויסגעגאנגען אין גאס, און ער האט אפגעמאכט ווען ער גייט טרעפן - גייט ער געבן צדקה.

דער איד האט נעבעך געהאט א שווערע לעבן, ער האט שוין געהאט חתונה געהאט א צווייטע מאל; זיין ערשטע ווייב איז געווען א שלעכטע פרוי, זי האט אים דערקוטשעט די יארן, זי האט אים געביסן און געגראדזשעט. אוי, זענען דא פרויען וואס קענען דערביטערן און דערביטערן דאס לעבן פון א מאן; זי האט אים אויפגעגעסן די קישקעס, ביז ער האט זיך געמוזט גט'ן.

דער איד שטייט אין גאס, און נישט מער און נישט ווייניגער קומט אים אנטקעגן זיין עקס (זיין גרושה), און זי זאגט אים: **"צדקה"**, ער געבט א קוק אויף איר, ער זעט ווי זי גייט אנגעטון אפגעריסן און אפגעשליסן, רחמנא ליצלן ווי אזוי זי האט אויסגעקוקט; זי האט אנגעהויבן צו וויינען צו אים, זי זאגט אים: **"פון ווען דו האסט מיך אפגעג'גט, האב איך נאכנישט געהאט קיין איין גוטע טאג אין לעבן, איך האב נישט וואס צו עסן, און דער אייבערשטער איז ברוגז אויף מיך"**, דער איד נעמט ארויס זיין טשעק בוך און פארשרייבט איר א שיינע גרויסע סכום געלט.

אזוי שטייענדיג אין גאס נעבן זיין ערשטע ווייב, גייט אריבער א מענטש און זעט ווי דער איד פארשרייבט א טשעק פאר זיין גרושה. דער מענטש איז געווען א **"מוסר קעצל"**; א 'מוסר קעצל' מיינט איינער וואס זוכט נאר צו פארמ'סרן און רעדן לשון הרע אויף אנדערע, ער לויפט שנעל אריבער צו דער הייליגער רבי תנחומא, און ער זאגט פאר רבי תנחומא: **"איך ווייס פארוואס עס איז דא א הונגער, פארוואס עס רעגנט נישט, ווייל עס איז דא עבירות אין דעם שטאט, איך האב געזען ווי דער און דער עושר געבט געלט פאר זיין געוועזענע ווייב, איז א סימן אז שטילערהייט טוען זיי עבירות"**, [די הלכה איז, איינמאל מען גט אפ א פרוי, טאר מען מער נישט האבן קיין שייכות מיט איר].

רבי תנחומא שיקט שנעל א שליח צו רופן דעם איד, דער איד קומט אריבער צו רבי תנחומא, און רבי תנחומא האלט אים פאר: **"דו ווייסט נישט וואס פאר א צרות עס איז דא אויף דער וועלט? דו ווייסט נישט אז עס רעגנט שוין נישט אפאר יאר, און אלע אידן האלטן ביים שטארבן?"** זאגט דער איד: **"זיכער ווייס איך פון דעם, וואס טו איך שלעכטס?"** זאגט אים רבי תנחומא: **"איך הער זאגן אז דו האסט געגעבן געלט פאר דיין גרושה, דאס מיינט אז דו האסט מיט איר שייכות, און דו טוסט מיט איר עבירות?"**

זאגט דער איד פאר רבי תנחומא: **"רבי תנחומא, איך טו עבירות? דער רבי האט געהאלטן א דרשה מען זאל טיילן צדקה, בין איך ארויסגעגאנגען אין גאס טיילן צדקה, קומט מיר אנטקעגן די קלאפטע (א פרוי וואס דערנידערט איר מאן), וואס איך האב איר שוין אפגעג'גט, זי הייבט אן וויינען אז זי האט נאכנישט געזען קיין גוטע טאג אין איר לעבן, מיין הארץ האט זיך געעפנט פאר איר, און איך האב איר געגעבן צדקה, אבער איך האב נישט קיין שייכות מיט איר".**

רבי תנחומא האט אנגעפאנגען וויינען, ער הייבט אויף זיינע אויגן צום הייליגן באשעפער און זאגט: **"הייליגער באשעפער איך קען נישט גלייבן וואס איך הער; מה דאך א בשר ודם וואס די נאטור פון א מענטש איז נישט צו געבן געלט פאר איינעם וואס מען איז צוקריגט מיט יענעם, דאך האט ער רחמנות געהאט אויף זיין גע'גט'ע ווייב און איר געגעבן געלט, מעגסטו - רבונו של עולם - שוין רחמנות האבן אויף אונז".**

פלוצלונג האט אנגעפאנגען צו בלאזן א ווינט, עס האט אנגעהויבן צו גיין א גאס רעגן, און נאך א שעה צייט איז שוין געווען אויף דער ערד שוועמלעך (מאשרומס), און עס איז שוין געווען וואס צו עסן.

אזעלכע מעשיות דערציילט פאר די קינדער, זיי זאלן זיך אויסלערנען צו האבן גוטע מידות, די קינדער זאלן אוועקגעבן ריסעס, א בענקל, אדער א פלאץ, פאר אן אנדערע קינד.

### מען מוז אליינס זיין א גוטסקייט

עס הייבט זיך אבער נישט אן ביי די קינדער, כדי די ווערטער זאלן אריינגיין אין די קינדער מוז מען אליין זיין א ביישפיל, מען דארף אליינס זיין א ביישפיל פון א גוטסקייט. די הייליגע חכמים זאגן (עיין מגילה יג.) אז פרויען האבן מער די קטנות הדעת פון קנאה. מען מיינט נישט דא צו קלאפן פרויען, מען רעדט דא פון א מציאות, מענער האבן זייערע שוואכקייטן, און פרויען האבן זייערע גוטסקייטן; א פרוי איז אינעווייניג דזשעלעס (מקנא) אויף אנדערע, מען בארעדט יענעם און מען באגראבט יענעם, מען האט מורא 'אפשר באקומט יענער מער כבוד'; כבוד איז דאך א נארישע זאך, פון וועם דארפסטו כבוד?!

לערערינס זענען פארנומען צו טראכטן: 'אפשר איז יענע לערערין א בעסערע לערערין, אפשר גייט זי מיך איבערנעמען'; וואס האט איר מורא?! קיינער וועט אייך נישט איבערנעמען. איך זאג אלץ פאר די אינגעלייט: הלואי זאלט עטץ טרעפן א צווייטער ראש ישיבה וואס קען בעסער ווי מיר; איך וועל זיצן ביי יענעם ראש ישיבה'ס שיעורים און הערן זיינע דיבורים.

בעטס דעם אייבערשטן: **"הייליגער באשעפער העלף מיך איך זאל נישט זיין שלעכט, העלף מיך איך זאל ארויסגיין פון מיין וועג פאר אנדערע; וואס האב איך אזוי מורא אז איינער וועט צונעמען מיין אטענשאן?"**

### אויפהייבן די קינדער וואס זענען א 'גוטסקייט'

איך וועל שוין ענדיגן דעם שיעור, ווייל מען גייט אייך געבן צו הערן דעם שיעור ביי הפסקה, און איך וויל נישט אויפהאלטן אזוי לאנג. איך וויל ענק נאר אביסל מחזק זיין אז אין די טעג פון ספירה דארף מען רעדן צו די קינדער פון גוטע מידות. מען קען נישט אריינקומען אין כתה ווי א מחותנת'טע, פארלערנען דעם פרק פון פרקי אבות וואס מען האט זיך אנגעגרייט, און נאכ'ן שיעור ארויסוואקן פון כתה. אויף דעם דארף מען נישט קיין לערערינס!

איך וויל די לערערינס זאלן לעבן מיט די קינדער, דערשמעקן די קינדער, זען דאס גוטסקייט פון די קינדער.

מען דארף אויפהייבן די קינדער וואס זענען א 'גוטסקייט'. עס דארף זיין אן אייגענע אינטערעסן, מען קוקט נישט וועמענ'ס מאמע מען האט ליב, נאר א קינד וואס איז א גוטסקייט דארף מען אויפהייבן. און דאס קינד וואס האט נאך שווערע נאטורן, פרובירט מען אויך אויפצוהייבן, מען זוכט וואו מען קען איר אויסלויבן און אויפהייבן, מען געבט איר גוטע ווערטער,

# הֶמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

וַוייל מִיט גוּטְנְ'ס קֶען מֶען אַסַאךְ בֶּעסֶער פּוֹעֵלְ'ן.

וֶוען אַ לֶערֶערִין קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה אָדֶער אִין לָאנְטְשׁ רוּם, אוּן זִי זֶעט אַ מֵיידְל, זָאל זִי אִיר גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער, אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין אֵייגֶענֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת.

**זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל פוּן אֵיידְלְקֵייט**

נָאךְ אֵיין זַאךְ וִויל אִיךְ עֶנְק בֶּעטְן; אַ לֶערֶערִין דַארְף זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל, מֶען דַארְף קוּמֶען אִין שׁוּלֶע אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן אֵיידְל, נִישְׁט פְּרָאסְט. אַז מֶען הָאט אַ סָפֵק אוֹיף אַ קְלֵייד אָדֶער אוֹיף אַ שְׁטְרִימְפּ, זָאל מֶען נִישְׁט קוּמֶען מִיט דֶעם אִין שׁוּלֶע. נָאר אוֹיבּ מֶען אִיז זִיכֶער אוֹיף דִי קְלֵייד אַז עֶס אִיז אֵיידְל, קֶען מֶען קוּמֶען דֶערְמִיט.

אִיךְ זוּךְ נִישְׁט צוּ מַאכְן אַ בַּאקְס בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִלָּה, אַז יֶעדֶער מוּז גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיינִיג, מִיט אַ טִיכְל וְכַדוֹמֶה, מֶען מוּז אָבֶּער קוּמֶען אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, שֵׁיין, צַאמְגֶענוּמֶען.

מֶען מוּז זַיין אָנְגֶעגְרֵייט, אוֹיסְגֶעשְׁלָאפְן, אוֹיסְגֶערוּט, גֶעגֶעסְן, אַזוֹי קֶען מֶען אַרַיינְקוּמֶען אִין כִּתָּה; אוּן מֶען רוּימְט אוֹיף דִי כִּתָּה, אוּן וֶוען דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַרַיין - גֶעבְּט מֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר יֶעדְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## רֶעד מִיט דִי קִינְדֶער אַסַאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, וֶועלְן זֵיי זַיין גֶעזוּנְט אוּן רוּאִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַמְלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מַסֶּכֶת כַּלָּה רַבָּתִי, פֶּרֶק ב): "בְּכָל יוֹם מַלְאָךְ יוֹצֵא מִלִּפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְחַבֵּל אֶת הָעוֹלָם", יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן וִויל חָרוּב מַאכְן דִי וֶועלְט, "כֵּיוָן שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִסְתַּכֵּל בְּתִינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, מִיָּד נֶהְפַּךְ כַּעֲסוֹ לְרַחֲמִים", אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט וִוי דִי קִינְדֶער, דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - לָאזְט עֶר נִישְׁט דֶעם מַלְאָךְ זָאל חָרוּב מַאכְן; זֶעט מֶען אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

רֶעד מִיט דִי קִינְדֶער אַסַאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, וֶועלְן זֵיי וֶוערְן גֶעזוּנְט אִין אַלֶע בְּחִינוֹת. וִוי מֶער דֶער מְלַמֵּד רֶעדְט אוּן שְׁמוּעֶסְט פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אֱמוּנָה וּבִטָּחוֹן - וֶוערְט אִין כִּתָּה אַ רוּאִיגֶע לוּפְט, אַ זִיסֶע לוּפְט; דִי קִינְדֶער וִוילְן קוּמֶען אִין חֵדֶר, זֵיי וַוארְטְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען אִין חֵדֶר.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ קֶענֶען מְלַמְּדִים זֶען; דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטוּבֶּער וואו מֶען רֶעדְט פוּן אַסַאךְ אֱמוּנָה - זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין פְּחָדִים, זֵיי דַארְפְן נִישְׁט דִי טִפּוּלִים פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, דִי קִינְדֶער זֶענֶען פְרֵיילִיכֶע קִינְדֶער, עֶס פֶעלְט זֵיי גָארְנִישְׁט, אוּן דִי וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטוּבֶּער וואו מֶען רֶעדְט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה - דִי דַארְפְן הָאבְּן טֶערֶעפִּי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת אמור, שנת תשפ"ג)

## וִוי אַזוֹי עֶרְקְלֶערְט מֶען פַאר קִינְדֶער דִי גְמָרָא "נִנְעֲלוּ שַׁעֲרֵי תְּפִלָּה"?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד מוֹרִי וְרַבִּי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ רוּף אַייךְ מוֹרִי וְרַבִּי, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלֶערְנְט בַּיי אַייךְ אוּן אִיר קֶענְט מִיר אֲפִילוּ נִישְׁט, זָאלְט אִיר אָבֶּער וִויסְן אַז אִיר רֶעדְט טַאקֶע צוּ דִי בָּחוּרִים אִין נְיוּ יָארְק, אָבֶּער אַייעֶר הַשְׁפָּעָה קוּמְט אָן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. דִי דְרָשׁוֹת, בְּרִיוְון, חִיזּוּק יוֹמִי, הָאט גֶעטוּישְׁט מַיין גַאנְצֶע וֶועלְט, מַיין גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז גֶעוָוארְן אֵיין שְׁטִיק אֱמוּנָה אִין אַייעֶר זְכוּת. אוֹיסֶער דִי שָׁלוֹם בַּיִת, לִימּוּד הַתּוֹרָה אוּן נָאךְ פִילֶע עֵצוֹת וָואס הָאט מִיר אַזוֹיפִיל גֶעהָאלְפְן.

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אוּן אִיךְ הָאבּ פָארְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי קִינְדֶער דִי גְמָרָא אִין מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת (לב.), אַז פוּן וֶוען דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן אִיז פַארְשְׁפַּארְט גֶעוָוארְן דִי טוֹיעֶרְן פוּן תְּפִלָּה, אָבֶּער דִי טוֹיעֶרְן פוּן טְרֶערְן זֶענֶען יָא גֶעבְּלִיבְּן אָפְן. דִי גְמָרָא אִיז מִיר זַייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז וֶוען אַ אִיד דַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענֶען דִי טוֹיעֶרְן צוּגֶעשְׁפַּארְט פַאר אִים? אוֹיבּ בֶּעט עֶר נִישְׁט מִיט טְרֶערְן וֶועלְן זַיינֶע תְּפִלּוֹת נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אִיךְ וֶועל אַייךְ זַייעֶר מַכִּיר טוֹבָה זַיין אוֹיבּ אִיר וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען קְלָאר שְׁטֶעלְן.

אַגַב, דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט מִיר גֶעוִויזְן דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל אַ דְרָשָׁה פוּן אַייךְ, אִיז אַ מִתְנַגֵּד פוּן בְּרֶסְלֶב. עֶר הָאט מִיר דָאס גֶעוִויזְן אוֹיף צוּ מַאכְן לֵיצָנוּת דֶערְפוּן, אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעכַאפְּט אַז אִיךְ וֶועל אָנְהוֹיבְּן אוֹיסְהֶערְן דִי שִׁיעוּרִים בִּקְבִיעוּת, אוּן דָאס וֶועט מִיר אַזוֹיפִיל הֶעלְפְן אִין לֶעבְּן...

בְּהוֹקָרָה וּבִבְרָכָה

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַמְלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווָאוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט דִי זְכִיָּה צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד; עֶס נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַ מְלַמֵּד וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דָנִיאֵל יב, ג): "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד - אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת", אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס וָואס בַּאלַייכְטְן דִי וֶועלְט; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז דָאס זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר, אַז פּוּנְקְט וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דִי וֶועלְט, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי זְכוּתִים פוּן אַ מְלַמֵּד. אַ מְלַמֵּד פְלַאנְצְט אַיין אִין דִי קִינְדֶער תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף אוּן טוּעֶן גוּטֶע זַאכְן גֵייט אַלֶעס אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּנֶעם מְלַמֵּד.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לב.): "וְאָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר מִיּוֹם שֶׁחָרַב בֵּית הַמִּקְדָּשׁ נִנְעֲלוּ שַׁעֲרֵי תְּפִלָּה", פוּן וֶוען דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן זֶענֶען פַארְמַאכְט דִי טוֹיעֶרְן פוּן תְּפִלָּה; וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז עֶס אִיז דָא אַסַאךְ שִׁיטוֹת אִין חֲזַ"ל, אִין דִי

מֶדְרָשִׁים זֶענֶען דָא כַּמָּה דְּרָכִים – אֵיינֶער זָאגְט אַזוֹי אוּן דֶער אַנְדֶערֶער זָאגְט אַזוֹי, אָבֶער אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אִיז דָא אַ פְּשַׁט. חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (פְּסָחִים פה:): "אֲפִילוּ מְחִיצָה שֶׁל בַּרְזֶל אֵינָהּ מַפְסֶקֶת בֵּין יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם", אֲפִילוּ אַן אַייזֶערְנֶע וַואנְט אִיז נִישְׁט מַפְסִיק צְווִישְׁן אוּנְז אִידְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (וַיִּקְרָא רַבָּה ל, ג): "בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ שֶׁאֵין לָהֶם לֹא מֶלֶךְ וְלֹא נָבִיא, לֹא כֹּהֵן וְלֹא אוּרִים וְתֻמִּים, וְאֵין לָהֶם אֶלָּא תְּפִלָּה זוֹ בִּלְבָד", דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת וֶוען מִיר וֶועלְן זַיין אִין גָלוּת, אָן קַיין קֶענִיג, אָן קַיין נָבִיא, אָן קַיין כֹּהֵן גָדוֹל אוּן אָן קַיין אוּרִים וְתוּמִים, "אָמַר דָּוִד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַל תִּבְזֶה אֶת תְּפִלָּתָם", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם נֶעם אָן זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת.

מִיר וֵוייסְן נָאר וָואס צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעזָאגְט – בִּפְרַט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי – אַז מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן טָאג. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה; ק) אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַסַאךְ צַדִּיקִים, אַז זֵיי אַלֶע זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד אָן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף יֶעדְן נָאמֶען וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַז אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן אִים בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, דוּרְךְ אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שְׁמוּעֶס בַּיים רֶבִּי'ן וָואס דֶער רֶבִּי זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ אוּנְז פוּן תְּפִלָּה, אוּנְז מְחַזֵּק זַיין אַז מִיט תְּפִלָּה וֶוערְט מֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶען מֶען גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא וַיֵּרָא, א): "הֱווּ זְהִירִין בִּתְפִלָּה, שֶׁאֵין מִדָּה אַחֶרֶת יָפָה הֵימֶנָּה וְהִיא גְדוֹלָה מִכָּל הַקָּרְבָּנוֹת", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר דִי אִידְן, זַייט נִזְהָר אִין תְּפִלָּה וַוייל דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ, אוּן דָאס אִיז בַּיי מִיר חָשׁוּב'עֶר פוּן אַלֶע קָרְבָּנוֹת, "וַאֲפִילוּ אֵין אָדָם כְּדַאי לַעֲנוֹת בִּתְפִלָּתוֹ וְלַעֲשׂוֹת חֶסֶד עִמּוֹ, כֵּיוָן שֶׁמִּתְפַּלֵּל וּמַרְבֶּה בְּתַחֲנוּנִים, אֲנִי עוֹשֶׂה חֶסֶד עִמּוֹ", אוּן אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט רָאוּי מֶען זָאל אִים הֶעלְפְן אוּן טוּן מִיט אִים חֲסָדִים, אוֹיבּ עֶר דַאוֶוענְט אוּן בֶּעט מִיר – וֶועל אִיךְ אִים הֶעלְפְן.

דֶערְצֵייל פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִלָּה, דֶערְצֵייל זֵיי וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (מֶדְרָשׁ דְּבָרִים רַבָּה ב, טז): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ שְׁטוּרְם וִוינְט אוֹיפְ'ן וַואסֶער אוּן אַ שִׁיף אִיז פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעט גֶעוָוארְן אוּן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ וַוייטֶע שְׁטָאט, אוֹיפְ'ן שִׁיף הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען אֵיין אִיד מִיט אַסַאךְ גוֹיִם, וֶוען דִי שִׁיף אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי פְרֶעמְדֶע מְדִינָה זֶענֶען אַלֶע גוֹיִם צוּגֶעקוּמֶען בֶּעטְן פוּן דֶעם אִיד עֶר זָאל זֵיי גֵיין קוֹיפְן עֶסְן, הָאט דֶער אִיד זֵיי צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט מִיט ווּאוּנְדֶער: "אִיךְ בִּין דֶען בַּאקַאנְט דָא, אַז אִיר אַלֶע קוּמְט מִיר בֶּעטְן אִיךְ זָאל קוֹיפְן עֶסְן?" הָאבְּן דִי גוֹיִם גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף דֶעם אִיד אוּן גֶעזָאגְט: "אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, אַ אִיד הָאט אֵייבִּיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זִיךְ", פִּירְט דֶער מֶדְרָשׁ אוֹיס: "הֲוֵי, אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרוֹבִים אֵלָיו (דְּבָרִים ד, ז)".

פַאר דִי קִינְדֶער זָאלְסְטוּ מַסְבִּיר זַיין וָואס דִי רִאשׁוֹנִים זָאגְן פְּשַׁט אִין דֶעם (עַיֵּין מְאִירִי בָּבָא מְצִיעָא נט.), אַז דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיס דִי תְּפִילוֹת פוּן אוּנְז אִידְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אַ תְּפִלָּה זָאל נִישְׁט וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען, עֶס אִיז נָאר אַנְדֶערְשׁ הַיינְט וִוי אִין דִי צַייטְן וֶוען דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען; אַז הַיינְט דַארְף מֶען קְלַאפְּן אוֹיפְ'ן טִיר אַז דִי תְּפִילוֹת זָאלְן אַרוֹיפְגֵיין, מַה שֶּׁאֵין כֵּן וֶוען מֶען וֵויינְט דֶעמָאלְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ רַחְמָנוּת אוּן נֶעמְט אָן דִי תְּפִלָּה אֲפִילוּ הַיינְט אוֹיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת יב:): "אָמַר רַבִּי יְהוּדָה, כָּל מִלִּין דְּעָלְמָא תַּלְיָין בִּתְשׁוּבָה וּבִצְלוֹתָא דְּצַלֵּי בַּר נָשׁ לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, וְכָל שֶׁכֵּן, מַאן דְּאוֹשִׁיד דִּמְעִין בִּצְלוֹתֵיהּ, דְּלֵית לָךְ תַּרְעָא דְּלָא עָאלִין אִינּוּן דִּמְעִין", עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַ זַאךְ וָואס עֶס נוּצְט נִישְׁט דֶערוֹיף תְּשׁוּבָה, בִּפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קַיין שׁוּם טִיר אִיז נִישְׁט פַארְמַאכְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּ אִים.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם; דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס וֶועט זֵיי אוֹיפְפְלַאקֶערְן זֵייעֶר הַארְץ צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי וֶועלְן מְקַנֵּא זַיין דִי צַדִּיקִים אוּן זֵיי וֶועלְן נָאכְטוּן דִי צַדִּיקִים. עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט דֶעם סִיפּוּר אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מוּסָר מִיט זֵיי, הָאט דֶער מְלַמֵּד אִים גֶעזָאגְט: "יָא"; הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?" זָאגְט עֶר: "חוֹבַת הַלְּבָבוֹת", זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב: "נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ מוּסָר, אִיךְ פְּרֶעג צִי דוּ לֶערְנְסְט 'מוּסָר', צִי דוּ פַארְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ"; וַוייל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים דָאס פֵייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק זַיין נָאר אִין תְּפִלָּה.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ה', מכתב שסח)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב – שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) – שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876